NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13040

# DER PURIM-BER

Der Tunkeler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

...ידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו


טונקעלער



# דער [illegible]

א טעאטער-שטיק פאר קינדער

אין דריי אקטן

אילוסטרירט דורך ד. נחמקין


פארלאג
בר. לעווין-עפשטיין און שותפים
ווארשע

דער טונקעלער

# דער
# פורים-בער

א טעאטער-שטיק פאר קינדער

אין דריי אקטן

אילוסטרירט דורך ז. נחמקין

פערלאג „ברידער לעווין-עפשטיין און שותפים"

ווארשא תרע"ט

געזעצט ביי י. העגדלער, ווארשא, דליגא 26.





## פערזאנען:

אַ רָב

אַ רֶבֶּ׳צִין

יאָסעלע

אַ בער

אַ ציגיינער







# ערשטער אַקט.

אַ צימער בײַם רָב אין שטוב. דער רב לערנט אין אַ סֵפֶר. ער ענדיגט דאָס לערנען, פֿערמאַכט דעם סֵפֶר, גיט אַ קוש און שטעלט איהם אַרײַן אין שאַפֿע. די רָבּ'צין פּאָרעט זיך בײַם אויװען. יאָסעלע שפּילט זיך דערבײַ.



**רב** (צו יאָסעלע'ן):

איצטער, יאָסעלע, מײַן קינד,
װעסטו לויפֿען גיך, געשװינד
צו דעם גַבָּאַי לֵייבּ אֶלְקָנָה'ס
און דעם שײנעם שַׁלַח־מָנות
װעסטו, קינד, איהם טראָגען.
און דו זאָלסט איהם דאָרטען זאָגען,
אַז דער אַלטער רָב רָב זשאַמע, —

**יאָסעלע:**

און די רֶבֶּ'צין נֶחָמָה...

**רב:**

נו געװיס, מײַן קינד, דײַן מאַמע —
בײדע שיקען איהם מַתָּנות:
פּורים'דיגען שַׁלַח־מָנות.



(צו דער רבּ'צין)

נו, און איצט, נְחָמה, שנעלער

גיב אַהער דאָס שענסטע טעלער

מיט די אַלע גוטע זאַכֿען.

לאָ'מיר פֿון רֶבּ לייבּ'עס וועגען

שענעם שַׁלַח־מָנוֹת מאַכֿען.

(דער רַב און די רַבּ'צין נעהמען אויסלעגען דעם שַׁלַח־

מָנוֹת אויף אַ טעלער)

**רב:**

דאָ אין מיטען, אויף דעם אָרט,

קומט אַ שטיק געפֿילטען טאָרט,

און דערנעבען —

**רבּ'צין:**

— אך, אַ שאָדען,

וואָס מיר האָבען נישט קיין פֿלאָדען!

**רב:**

ס'שאַדט נישט. דאָ, בּיים כאַמע בּרעג, —

לעג דאָס מאַנדעלע אַוועק.

**רבּ'צין:**

ווייסט, מיין מאַן, עס וואָלט דאָ גאַנץ

שען געווען אַ פּאָמעראַנץ.

**רב:** —

אֶפְשַׁר גאָר דעם האָניג־טייגעלע!

**רבּ'צין:**

בעסער שוין דעם צוקער־בייגעל.

**רב:**

דאָ אַ פייג, און דאָ אַ טייטעל.

**רבּ'צין:**

און אָט דאָ אַ מַלְכּות־ברויטעל.

(יאָבעלע נאַשט דערווייל פון די טעלער)

**רב:**

אַך, יונגאַטש! מען טאָר נישט נאַשען
פון די טעלער, פון די פלאַשען.

**יאָבעלע:**

כ'וויל אַ שטיקעל צוקער־קאַנדעל!

**רבּ'צין:**

נאַ דיר, קינד מיינס, נאַ אַ מאַנדעל.

**רב:**

וועט עס זיין אַ שַׁלַח־מָנוֹת
פאַר דעם קייסער, בּנאֱמָנוֹת!

(יאָבעלע לעקט האָניג פון טעפּעל)

**רבּ'צין:**

יאָבעלע, עס וועט שוין קלעקען
האָניג פון דעם טעפּעל לעקען.
(ווייל איהם אַוועקטרייבען)





**יאסעלע:**

אוי, אוי, מאַמע, נאָך אַ לעק!

**רב:**

אַך, דו שיגעץ, געהסט אַוועק!

**רב'צין:**

ס'וועט דאָס בייבעלע טהון וועה!

**ר'ב:**

בעסער טהו־זיך־אָן און געה.

**רב'צין:**

גיב דיין מאַנטעלע אויף־גיך,
לאָ'מיר, קינד מיינס, אָנטהון דיך.
(טהוט איהם אָן דאָס מאַנטעלע און וויקעלט איהם אַרום
מיט אַ וואַרימען שאַל)

**רב'צין:**

נאַ, און איצטער שנייץ די נאָז.
(שנייצט איהם דאָס נעזעל אין פאַרטוך)

שנייץ, ניש'קשה!

**יאסעלע:**

לאָז, אוי, לאָז!

**רב'צין:**

נאָך אַ ביסעל. נאָך.

## יאסעלע:

אוי, אוי!

## רביצין:

ושאַלעווע נישט. אַט אַזוי,
פאַרטיג.

## רבי:

פאַרטיג? איצטער גײַה,
(דערלאַנגט איהם דעם שלח־מנות און אַ ווייס נאָז־טיכעל)

נעהם דאָס אַט אַזוי אין האַנד.
טראָג צום גבאַי לייב אֶלְקָנָה'ס,
נאָר נישט נאַש פון שלח־מנות.
ס'וועט דאָך פּשוט זיין אַ שאַנד.
גײַה און קעהר זיך תּיכף, באַלד,
נישט פערקריך נור דאָרט אין וואַלד:
קאָנסט דאָך נאָך, חלילה, ווייט
דאָרט פערקריכען אָן אַ זייט,
כאַפּט דיך דאָרטען צו אַ בער
און דו קומסט שוין נישט אהער.

## רביצין:

גײַה, מיין קינד. קום גלייך צוגעהן,
ועצען מיר זיך אַלע שוין,
צו דער פּורים־סעודה פיין.

## יאסעלע:

ס'וועט נאָך היינט אַ סעודה זיין?



**רבצין:**

נאָך אַ מין, נו גײה, מײן טרײסט

פֿאָלג װאָס טאַטע־מאַמע הײסט.

**יאָסעלע:**

װי עס שטײט אין „מודה אני"?

**רבצין:**

גײה־זשע, גײה, מײן תּנא.

(יאָסעלע גײט אַװעק)



# צווייטער אַקט.

אַ טיעף־פערשנייטער וואַלד. יאָסעלע גערט אין נאַכט פון שלח־מנות, פרוצלונג גיט ער זיך אַ כאַפּ, קוקט־זיך־אַרום רעדשראָקען.

**יאָסעלע:**

אוי, אַנ׳אומגליק איז געשעהן!
כ׳האָב גענאַשט און נישט געזעהן,
אַז איך בלאָנדזשע טיעף אין וואַלד
וואָס וועט איצטער זיין?! אוי גוואַלד!
(זעצט זיך אין אַלע זייטען)

נישטאָ קיין וועג,
נישטאָ קיין שטעג,
נאָר אייז און שניי
אַוואו איך גיי.
וואָס זאָל איך טהון?
וואָס זאָל איך טהון?
אַ בייזע מורא כאַפּט מיך אָן
צו זיין אין ווילדען וואַלד אַליין.
וואו זאָל איך געהן?
וואו זאָל איך געהן?



גַזְלָנים זענען דאָ, איך ווייס,
און ווילדע חַיות – שלעבּט אַון בייז.
אוי, ווער איז דאָרטען?! עמיץ קומט!...
איך הער שוין דאָרט, ווי עמיץ ברומט
און קריכט-אַרומעט צווישען ביימער.
צי איז עס דאָרט פֿון וואַלד דער
שומר?

צי גַזְלָנים מיט די העק?
אוי, עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק!
ער קומט אַהער...
ווער איז עס, ווער?

## דער בער:

בו-אוו!... בו-אוו!...

## יאסעלע:

אוי אַ בער!

## בער:

איך בין הונגעריג, אַ שרעק,
נישט קיין בּיסעלע אין דעם וואלד,
און פון האָניג נישט קיין לעק.
כ'שטאַרב פון הונגער באַלד.
(דערזעהט יאָסעלע'ן)

האַ? אַ מענטש?... דו וועסט נישט
טרוקען



איצט אַרויס פֿון מיינע ציין;
כ׳וועל דיך טהון־טהון באַלד פֿער־
צוקען,
מאַכֿען האַס! — און שוין!

### יאַסעלע:

גוטער בער, אוי האָב רחמנות,
כ׳וועל דיר אַלצדינג געבען.
נאַ, עס־אויף מיין שלח־מנות —
שענק מיר נור דאָס לעבען.

### בער:

גיב אַהער. נו גיכֿער שוין!
אָבעלע גיט איהם איבער דאָס לעדיגע טעלער. דער בער
קאַבעלט מיט דער לאַפּע אין טעלער און געפינט גאָר·
נישט)
האָסט דאָך אויפֿגעגאַשט אַליין —
גיסט מיר גאָר אַ לעדיג טעלער!
(וואַרפט־אַראָב דאָס טעלער אויף דער ערד)

### יאַסעלע:

אוי, איך האָב געטהון אַ פֿעהלער...
זיי־זשע, בערעניו, איצינד
מוחל מיינע שווערע זינד.
ביסט דאָך, בערעניו, אַ גוטער...
קום צו אונז. מיין פֿאָטער־מוטער
וועלען דיך מכבד זיין



מיט די טייערסטע מַתָּנות.
עסען וועסטו שַׁלַח־מָנות
פיעל אין דיר וועט נור אַריין.
דו וועסט האָבען מעהר הֲנָאָה,
אָדער זיין אַ חַיָה רָעָה.

**בער:**

גוט. איך שענק דיין לעבען דיר.
האָסט געפונען חֵן ביי מיר.
כ׳בין דיר מוחל דיינע זינד,
ווייל דו ביסט אַ ליעבליך קינד.

**יאסעלע:**

ווייסטו, ווער איך בין?

**בער:**

ווי דען?
ביסט דאָך יאָסעלע רֶב זשאַמע׳ס
און די רֶבֶּ׳צין נֶחַמה׳ס.

**יאסעלע:**

זאָג, וואו האָסטו מיך געזעהן?

**בער:**

כ׳גֵעה מיט אַ ציגיינער אום,
ר׳פיהרט מיך אויף אַ קייט אַרום,
און איך טאַנץ אויף אַלע הויפען,
קינדער טהוען נאָך מיר לויפען,



שרייען: בער!
קום אהער!
טאנץ א ביסעל!
הייב א פיסעל!
מאך איך בו-או —

### יאסעלע:

נו?

### בער:

איינמאל האב איך אין דיין שטעדטעל
ביי דיין טאטען אויפ'ן הויף
שוין געטאנצט דארט אויף א ברעטעל
און געשפרונגען דורך א רייף,
און געמאכט די קונצען אלע,
האסטו מיר א מוציא חלה
און מיט האניג דאן געגעבן, —
שענק איך דיר אצינד דאס לעבן.

### יאסעלע:

ביסטו מאכן דאס געווען?
טאנץ א ביסעל, לא'מיך זעהן.

### בער: (טאנצט און זינגט):

האפ, האפ! — טאנצט א בער.
האפ, האפ! הויבט זיך שווער,
טהוט זיך קוים א ריהר, א קעהר.
דא אהין און דא אהער.





בו-או — — —

דער ציגיינער זינגט אַ ליעדעל:
טידעל=דרידעל, טידעל=דרידעל!
מיט'ן פּיקעל — בום, בום, בום!
דרעה איך זיך אַזוי אַרום.
גפֿהט ער, דער ציגיינער, אום,
בעט אויף זיין ציגיינער=לשון:
גיט אַ גראָשען! גיט אַ גראָשען!

**יאַסעלע:**

אַך, ווי שען! אַך, ווי שען!
ס'איז דאָך טאַקי מלאכען.
וואו=זשע איז ער, דיין ציגיינער,
אָט דער בערען=טרייבער דיינער?

**בער:**

כ'האָב איהם נעכטען ערשט
פֿערלאָרען,
אונטערוועגענס אָנגעוואָרען.
האָסטו נישט געזעהן איהם?

**יאַסעלע:**

ניין.

**בער** (פערייינש:

בלאָנדזשע איך אַרום אַליין.

**יאַסעלע:**

ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגען?

הער נור, וואָס איך וויל:
לערן מיך דאָס ליעדעל אוים,
מאַכען מיר דאָס שפּיעל.
איך וועל דיין ציגיינער זיין,
דו וועסט זיין מיין בער —
קעהר איך אום דאָס מאַנטעלע,
בין איך פּונקט ווי ער.

(קעהרט-אום דאָס מאַנטעלע און דאָס הוטעלע אויף דער לינקער זייט)

קומען מיר צו אונזער סעודה,
טאַנצסטו אויפ'ן קוויט;
וועט עס זיין אַ שִׂמְחָה דאָרטען,
וועט עס זיין אַ פרייד.

## בער:

אוי, ביסטו אַ חָכָם, יונגעל,
מיט אַ קלוגען קאָפּ.
אוי, וועל איך דאָס טאַנצען דאָרטען,
מאַכען האָפּ און האָפּ.

(יאָבעלע הויבט-אויף דאָס טעלער פון דער ערד און באַהאַלט עס אונטער דער פּאָלע)

## ביידע:

אָבגערעדט,
אָבגעמאַכט,
איצטער לאָ'מיר געהן.
ס'איז שוין שפּעט,
ס'קומט די נאַכט,
טאָרען מיר נישט שטעהן.





**בער:**

נעהם מיך, קינד,
נעהם געשווינד,
נעהם מיך פאַר'ן קייט.

**יאַסעלע:**

ווייסט דעם וועג?
ווייסט דעם שטעג?

**בער:**

כּאָטשי בלינדערהייד.

**בײדע:**

טידעל־דרידעל,
טידעל־דרידעל.

(ניגריען־צײַעק)

# דריטער אקט.

דערזעלבער ציטער, וואָס אין ערשטען אקט. די רבּ'צין זיצט איינע אַליין זעהר פערטרויערט. עס קומט אריין דער רבּ פון זאַס.

**רבּ'צין:**

נו? געוועזען ביי לייב אֶלְקָנָה'ס?

**רבּ:**

יאָ.

**רבּ'צין:**

געפרעגט, צי איז געוועזען
יאָסעל דאָרט מיט שַׁלַחְמָנוֹת?

—

**רבּ:**

יאָ.

**רבּ'צין:**

וואָס זאָגט ער?

**רבּ:**

נישט געוועזען.





ס'גאַנצע שטעדטעל אויסגעלאָפען
אין־דער־לענג און אין־דער־ברייט,
און געפרעגט ביי קינד און קייט:
זאָגט, צי האָט איהר נישט געטראָפען
דאָ אַ יונגעלע אַ קליינס,
דאָ אַ יונגעלע אַ שענס?
ענטפערן זיי: ניין!

## רבצין:

וועה איז מיר און ווינד,
יאָסעלע מיין קינד
האָט געמוזט אין וואַלד פערגעהן,
אין דעם ווילדען וואַלד אַליין. (וויינט)

## רב:

אַך, נישט וויין, נחמה־לעבען,
גאָט דער באַרימגער וועט געבען,
ער וועט ברענגען אונז צוריק
אונזער נחת, אונזער גליק.

(עס קומט־אַריין יאָסעלע אין איבערגעקערטען מאַנטעלע
און היטעלע, פירט אַ בער אויף אַ קייט)

## יאָסעלע:

אַ גוט אָווענד, אַלטע פּאָר!

## רב און רבצין:

אַ גוט אָווענד, אַ גוט יאָהר!
זאָגט, ווער זענט איהר, ווער?



**יאסעלע:**

אַ ציגיינער מיט אַ בער.
טידעל־באָם! מיר שטעלען־פּאָר
אין די הייזער, אין די הויפען,
טאַנצען, שפּרינגען דורך די רייפען
אויפ׳ן שענסטען, בעסטען אופן.
היינט איז פּורים דאָך ביי יודען,
דאַרפען יודען זיין צופרידען,
עסען מאָן און טרינקען וויין.
גיט אונז אויך אין מויל אַריין,
וועלען מיר מיט פערגעניגען
פאָרשטעלען דאָס שפּיעל אינגאַנצען,
איך וועל זינגען אייך אַ ניגון,
און דער בער וועט טאַנצען.

**רב:**

אמת טאַקי, היינט איז פּורים,
נאָר מיר האָבען גרויס יסורים.

**רב׳צין:**

גאָט גיסט־אויס אויף אונז זיין צאָרן,
אונזער קינד איז אונז פערלאָרען.

**יאסעלע:**

אָ־וואַ! אָ־וואַ!

**רב:**

— זאָגט־זשע, גוטע לייט,

קומט איהר פון=דער=ווייט
און פון וועלכער געגענד?
האט איהר נישט בעגעגענט
וואו א יונגעלע א קליינס,
וואו א יונגעלע א שענס?

## יאסעלע:

אין דעם טיפעןווילדען וואלד
געהען מיר אזוי,
פלוצלונג האבען מיר געפונען
אט די זאכען צוויי —
איז עס איער האב און גוטס?
צי דערקענט איהר זיי?

(נעהמט-ארויס דאס טעלער מיט'ן נאז=טיכעל פון אונטער דער פאלע)

## רב און רב'צין:

אונזער גוטס, אוי ווען!

## רב'צין:

אונזער טעלער! איך דערקען!
אוי אן'אומגליק איז געשעהן!



## רב:

און מיין נאז=פאטשיילע—רויט...
אונזער יאסעלע איז טויט!
זעהט נור, גוטע מענשען, קוקט:
חיות האבען איהם פערצוקט!



## יאָסעלע:

ווײנט נישט, קלאָגט נישט, מענשען
טרײע
האָט קײן אַנגסט, קײן מורא —
פּונקט ווי יוסף פֿון דער תּורה
לעבט נאָך אײער קינד. קײן חיה
רעה האָט איהם נישט פֿאַרצוקט.
אײער יאָסעל איז נישט טויט —
און דאָס טיכעל, ווי איהר קוקט,
איז פֿון ווינשעל רויט.

## רב און רבצין:

זאָגט־זשע, ליעבער, גיך, געשווינד,
וואו־זשע איז ער, אונזער קינד?

## יאָסעלע:

אין דעם טיפֿען וואַלד,
אונטער אַ פֿערשנייטען בוים,
זיצט אַ יונגעלע און ווײנט,
און האָט מורא געהן אַהײם.
פֿרעגען מיר איהם: יונגעלע,
וואָרום געהסטו נישט אַהײם?
ענטפֿערט ער אונז אָט אַזוי:
מיר איז אָך און ווינד און וועה.
כ'האָב געטראָגען שלח־מנות
צו דעם גבאי לייב אלקנה'ס,



האָב איך אויפגעגאַשט אַליין, —
קאָן איך איצט אַהיים נישט גען;
זיך איך מיר און וויין.

**בער** (טאָן אַ ווײַט פֿאַר זיך):

אוי איז דאָס אַ יונגעלע
מיט אַ שאַרפֿען צינגעלע.

**רב און רביצין:**

אוי איז דאָס אַ קינד אַ נאַר.

**יאסעלע:**

ווייט איהר מוחל איהם דערפֿאַר?
וועט איהר איהם נישט שמייסען?

**רב:**

חס־וחלילה, חס־וחלילה!
וואָס בין איך אַ כעסן?
כ'קאָן איך שווערען: כ'וועל אפילו
איהם נישט געבען נישט קיין שמיצעל,
ואלט איהר זאָגען כאָטש אַ פּיצעל.

**יאסעלע:**

טאַקי?

**רב:**

טאַקי.

**יאסעלע:**

לויף איך באַלד

שוין צוריק אין טיעפען וואלד
מיט מיין חבר, מיט מיין בער,
זוין וועל ברענגען איהם אהער.
טירעל־באם! טירעל־באם!

(גיט זיך א דרעה־אום, וואַרפט־אראב פון זיך דאס מאנטעלע)

אט־א איז ער!

**רבצ׳ין** (דערקענט איהם):

מיין נשמה!

**יאסעלע:**

— מאמע, מאמע!

**רב** (ארומכאפענדיג איהם):

מיין נחמה!

**רבצ׳ין:**

קינד מיינס, וואס האט דיר געטראפען?

**רב:**

וואס איז דאס מיט דיר פערלאפען?

**יאסעלע:**

כ׳האב געבלאנדזשעט צווישען בוימער
טיעף אין וואלד, גאר אהן אנ׳עק.
אוי, האב איך געהאט א שרעק!

**רבצ׳ין:**

יאסעלע מיין זיסער, ווער מירן
איינינקער אליין! בערעלען!



## אֶפְשַׁר שרעקעניש אָבשפּרעכען?

(שפּריצט איהם אָב שרעקעניש. דער בער עסט דערווייל
פֿון טיש גוטע זאַכען)



טפֿוּ, טפֿוּ, טפֿוּ!
רוּחות, שֵׁדִים
פוּן די גריבער,
פֿוּן דעם בוידעם,
פוּסטע שטיבער,
טישע-דריטע —
אייער שְׁליטה
אויף די שטיינער,
אויף די ביינער.
גֵיְהט אין אֲייער רוּה,
אין די פֿעלדער,
וויסטע וועלדער —
לאָזט מיין קינד צוּרוּה!
טפֿוּ, טפֿוּ, טפֿוּ!...

**רב:**

ווער האָט דיך געבראַכט אהער?

**יאסעלע:**

אָט דער גוטער, ליעבער בער.

**רב:**

דאַרף מען דאך איהם טאַקי פֿיין,
שען און גוט מְכַבֵּד זיין.

קומט, רֶבּ בער, און נעהמט אין מויל,
עסט און טרינקט און טהוט אייך וואויל.

(גיבען איהם צו עסען און צו טרינקען. עס קומט־אריין
דער־אֶקְט'ער ציגיינער)

**ציגיינער:**

אֵי, דו שענער תַּכְשִׁיט מיינער!
האסט פערלארען דיין ציגיינער.
ווּ'ס־זשע קריכסטו אין די שטיבער?
אויף די הויפען קום, מַיְן ליעבער!
דארטען וועסטו טאנצען, שפּרינגען,
איך וועל מיר מיין ליעדעל זינגען,
דו וועסט טרייבען דיין קאַטאַוועס,
איך וועל קלייבען מיר נְדָבוֹת.



**יאסעלע:**

טאנצען? טאַנץ־זשע דא א ביסעל.

**רב'צין:**

עסען? נא א גאנצע שיסעל.

**רב:**

א נְדָבָה וועסטו קריגען.

**ציגיינער:**

מיט'ן גרעסטען פערגעניגען.

(סע טרינקט לחיים. דער בער טאנצט. דער ציגיינער,
יאסעלע און דער בער זינגען:)

האפּ, האפּ טאנצט א בער.

האָפּ, האָפּ! הויבט זיך שווער,
טהוט זיך קוים א ריהר, א קעהר.
דאָ אַהין און דאָ אַהער.
בו-או — —

(דערנאָך נעהמען זיך אַלע פאַר די הענד, מען נעהמט אַ רעדעלע און מען זינגט דאָס ליעדעל*):



היינט איז פּורים, קינדער ברידער,
ס'איז דער יום-טוב גרויס.
לאָ'מיר זינגען ליעדער,
געהן פֿון הויז צו הויז.
לאַך, מָרְדְכַי'לע, לאַך!
אַ יום-טוב'ל מאַך.
קינדס-קינדער, געדענקט דעם נֵס.
זינגט, קינדערלעך, זינגט,
טאַנצט פֿרעהליך און שפּרינגט.
דעם טייערען טאָג נישט פֿערגעסט!
(פֿאָרהאַנג)

*) זעה די ליעדער-זאמלונג פֿון ה' ענגעל.

פרייז 2,50 מארק

Wydawnictwo „B-cia Lewin-Epstein i S-ka“

Warszawa, Gęsia 5

| [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] |
|---|---|---|---|
| | | | [illegible] |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |